בשלח תשפ"ד
גליון 175

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייַערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מודִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### טַאטֶע, וואוּ בִּיסְטוּ?

שַׁבָּת שִׁירָה אִיז אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט פָּארְן צוּ זַיינֶע חֲסִידִים. און וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַלֶע תִּקּוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט וֶוערְט נָאךְ שְׁטֶערְקֶער נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת.

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַּארְצֵיילְט אוּנְז אִין דִי פַּרְשָׁה, דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעזֶען בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף, אַ דִינְסְט הָאט גֶעזֶען בַּיים יַם אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט אִין זַיין צַייט נִישְׁט גֶעזֶען. דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס מֶען זֶעט דִי וָואךְ אִין פַּרְשָׁה וִוי בְּזַת הַיָּם, דֶער מָן וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל טָאג טֶעגְלִיךְ. נָאךְ דִי אַלֶע וואוּנְדֶער שְׁטֵייט "וַיָּרֶב הָעָם עִם מֹשֶׁה" - דִי אִידְן הָאבְּן גֶעקְרִיגְט קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן מֹשֶׁה הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין, כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אַרִיבֶּער אַ נִסָּיוֹן פוּנֶעם מֵי מְרִיבָה, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן אוֹיסְפְּרוּבִּירְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן פְרֶעגְן: "הֲיֵשׁ ה' אִם אָיִן". און דַאן אִיז גֶעשֶׁען אַז "וַיָּבֹא עֲמָלֵק".

רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט דִי חֲזַ"ל פַּארְוָואס שְׁטֵייט דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲמָלֵק נָאנְט צוּ דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע פַּרְשָׁה, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז, אוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פְרֶעגְן: "אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט אוּנְז אָדֶער נִישְׁט?" זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער: "אִיךְ וֶועל עֶנְק שִׁיקְן אַ הוּנְט וָואס בַּייסְט אוּן עֶנְק וֶועלְן שְׁרֵייעֶן צוּ מִיר, אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק וִויסְן וואוּ אִיךְ בִּין."

עֶס אִיז אַ מָשָׁל צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרָאגְט זַיין זוּן אוֹיפְן אַקְסְל אוּן גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג, אִינְמִיטְן וֶועג בֶּעט דָאס קִינְד פוּנֶעם טַאטְן: "גֶעבּ מִיר עֶפֶּעס אַ זַאךְ" אוּן דֶער טַאטֶע גִיט אִים גְלַייךְ. אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער בֶּעט דָאס קִינְד נָאכְאַמָאל אוּן דֶער טַאטֶע גִיט אִים וַוייטֶער וָואס עֶר בֶּעט. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים דְרִיטְן מָאל. גֵייעֶנְדִיג אַבִּיסְל טִיפֶער אִין וֶועג קוּמְט זֵיי אַנְטְקֶעגְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן דָאס קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "הָאסְטוּ אֶפְשָׁר גֶעזֶען מַיין טַאטְן?" רוּפְט זִיךְ אָן דֶער טַאטֶע צוּם קִינְד: "דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ אִיךְ בִּין?" דֶער טַאטֶע וַוארְפְט אַרָאפּ דָאס קִינְד אוֹיף דֶער עֶרְד, גְלַייךְ אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן גֶעבִּיסְן דָאס קִינְד.

רַבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת דֶער סוֹד פוּן

המשך אויף קומענדיגע זייט

קליפּת עמלק וועלכער וואַרפט אַרויף אויף אונז אַ שכחה מיר זאָלן פאַרגעסן אַלע ישועות און וואונדערליכע חסדים וואָס דער אויבערשטער האָט אונז שוין געגעבן ביז היינט פון אָנהויב ווען ער האָט אונז אַרויסגעצויגן פון מצרים מיט געוואַלדיגע אותות און מופתים און אונז געגעבן די תורה, שפּעטער די גרויסע נסים ביים איינעמען ארץ ישראל אין די צייטן פון יהושע ווען ער האָט מלחמה געהאַלטן אַנטקעגן איין-און-דרייסיג מלכים, ביז די היינטיגע נסים וואָס יעדער איד קען דאָס זעהן ווער עס האָט נאָר אָפּענע אויגן.

אָבער עמלק ימח שמו וויל זיך שטאַרקן אויף אונז און אָפּשוואַכן אונזער האַרץ ווי גלייך מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען ישועות פון אויבערשטן אפילו נישט בגשמיות, ער וויל מיר זאָלן נאָר פרעגן די קשיא: "היש ה' בקרבנו אם אין", ער קריכט אַריין צום מענטשנ'ס מח ווען דער מענטש האָט אַ שוואַכע מינוט און מאַכט אים פאַרגעסן פון אַלע גוטע זאַכן וואָס ער האָט באַקומען פון באַשעפער פון געבוירן אָן ביז היינט.

די וועג וויאַזוי מען האָט מכניע געווען עמלק איז ווען משה רבינו האָט מתפלל געווען אַזוי ווי עס שטייט "צא הלחם בעמלק... והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל... ויהי ידיו אמונה" זאָגט רש"י אויף דעם אַז משה רבינו האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צום הימל מיט אַ ריכטיגע אמונה'דיגע געבעט צום באַשעפער. אַזוי האָט ער אַריינגעברענגט אין די אידן דער כח פון דאַווענען און אמונה צום באַשעפער, און זיי אויסגעלערנט צו קוקן אויף אַרויף צום באַשעפער וואָס פון אים קומט אַלעס און נאָר צו אים דאַרף מען זיך ווענדן וואָס דאָס איז די גרעסטע מלחמה קעגן עמלק וועלכער זוכט שטענדיג אונז אויפצווייזן אַז מען פועל'ט גאָרנישט מיט תפלה חס ושלום.

מיר קענען טאַקע נישט אַליין מלחמה האַלטן קעגן עמלק ווען נישט וואָס דער אויבערשטער אַליין האַלט מיט אים מלחמה מדור דור און מיט גרויס רחמנות שיקט ער אונז די גרויסע צדיקים וואָס מיט זייער גרויס חכמה ברענגען זיי אין אונז אַריין די געוואַלדיגע חיזוקים זיך נישט מייאש זיין מן הרחמים און געבן אונז אַ געוואַלדיגע התחזקות זיך צו האַלטן מיט תפלה ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צום ריכטיגן גאולה במהרה בימינו אמן.

**הר"ר אברהם בעק הי"ו**
**לרגל הבר מצוה לבנו הבחור**
**כמר מנחם שמעון למזל טוב**

# איין אשה'לע



## פַּארְלֶעשְׁן דָאס פְּלַאם

אִיךְ וואוין אִין אַ שְׁטָאט וָואס דָארְט גֶעשֶׁעט לַיידֶער גַאנְץ אָפְט שְׂרֵיפוֹת. אֵיינְמָאל אִיז גֶעשֶׁען דָארְט אַ פַייעֶר אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶס זָאל גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אוּן גְלַייךְ הָאט זִיךְ דָאס פַייעֶר פַּארְלָאשְׁן אַז מֶען הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעזֶען מֶער קַיין רוֹיעֶך.

אַבְרָהָם

## צו די ריכטיגע מינוט

אִיךְ הָאבּ גָאר שְׁטַארְק גֶעוַוארְט אַז מַיין שְׁוֶועסְטֶער זָאל וֶוערְן אַ כַּלָּה אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז זִי זָאל וֶוערְן אַ כַּלָּה אוּן ב"ה סוֹף חֹדֶשׁ טֵבֵת אִיז זִי גֶעוָוארְן אַ כַּלָּה לְמַזָל טוֹב.

מֶען זֶעט אַז דֶער כֹּחַ הַתְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

נַחְמָן

## קֶענֶען צֵילְן רִיכְטִיג

אִיךְ הֵייס נָתָן

דִי וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר זוּנְטָאג אוּן גֶעדַאוְונְט זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען. שְׁפֶּעטֶער הָאט אִיךְ זִיךְ צוּ מִיר גֶעטְרַאכְט, 'פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא פַיינֶע דַאוֶונֶען?' הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער 'בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי' אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תְּפִלָּה, פַּארְוָואס אִיז תְּפִלָּה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ קֶשֶׁת אַ פַייל-אוּן-בּוֹיגְן? וַוייל אַ בּוֹיגְן ווִי מֶער מֶען צִיעְט עֶס אוֹיס שִׁיסְט עֶס וַוייטֶער אוּן הֶעכֶער, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט תְּפִלָּה, ווִי מֶער מֶען דַאוְונְט פּוֹעֶלְ'ט עֶס בֶּעסֶער אוּן עֶס גֵייט הֶעכֶער, דִי וָוארְט הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן כֹּחַ צוּ דַאוֶונֶען גֶעשְׁמַאק.

**אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט.**

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶל וָואס וואוֹינְט ב"ה אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ. אִיךְ הָאבּ אַ אִינְגְל אִין מַיין כִּתָּה וָואס לַיידֶער שְׁלָאגְט עֶר מִיר כִּמְעַט יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְגַבֵּר, נָאךְ אַ יוּנְגְל אִיז דָא אִין מַיין כִּתָּה וָואס טֵיילְט קְלֶעפּ אָן רַחֲמָנוּת  אָבֶער אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְגַבֵּר אִיךְ שְׁלָאג נִישְׁט צוּרִיק.

**אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט**

**צוּ דִיר יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער יוּנְגֶל, אַשְׁרֶיךָ וָואס דוּ הָאסְט אַזַא שְׁטַארְקַייט זִיךְ צוּ מִתְגַבֵּר זַיין אוּן נִישְׁט צוּרִיקְגֶעבְּן, זֶעט אוֹיס אַז דִי מִדָּה פוּן אֲרִיכוּת אַפַּיִים וָואס מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאט גֶעפּוֹעֶלְ'ט אוֹיף דִיר, אָבֶער דוּ בִּיסְט מְחוּיָב צוּ פַּארְצֵיילְן פַאר דַיין מַשְׁגִיחַ עֶר זָאל מְסַדֵר זַיין אֵיין מָאל פַאר אַלֶעמָאל דַיינֶע גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן דִיר אַזוֹי לִיבּ (?) אַ יוּנְגְל טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן**

דֶערְנִידֶערְן דוּרְךְ אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען ווִילְד אוּן פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי דִי תּוֹרָה הֵייסְט. עֶס אִיז אוֹיךְ אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען עוֹבֵר אוֹיף אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע עֲבֵרוֹת בִּפְרָט אִינֶעם פַּלְטְרִין שֶׁל מֶלֶךְ דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם... פַּארְדֶעם אַלֵיין דַארְפְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דַיין מַשְׁגִיחַ אָדֶער פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַלֵיין אִיבֶּערְטְרָאגְן דִי זַאךְ.

מִיר ווִינְטְשְׁן דִיר אַסַאךְ הַצְלָחָה מֶען קֶען זֶען אַז דוּ בִּיסְט גָאר אַ עֶרְלִיךְ קִינְד אוּן דַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען דִיר אֶפְשָׁר מְקַנֵא, הַצְלָחָה.

## פַארְטֵיילְט פַאר צְדָקָה

צוּ דֶער אִינְגֶל מְנַחֵם וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וֶועגְן גֶעבְּן צְדָקָה, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נָאכְאַמָאל אַרַיינְקְלִינְגֶען אוּן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה קְלָאר, עֶפֶּעס אִיז אוּמְפַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, פַארְוָואס הָאט דֶער מַשְׁגִיחַ גֶעטֵיילְט דָאס גֶעלְט, דִי צְדָקָה הָאבְּן עֶנְק גֶעגֶעבְּן פַאר דִי חֲבֵרִים פוּן כִּתָּה?




### הַמְשֵׁךְ פוּן פְרִיעֶר

*דִי אִידְן אִין קִיבְּלִיטְשׁ הָאבְּן מַמָּשׁ גֶעמֵיינְט אַז זֵיי טוּעֶן דָא אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אוּן מֶען מוּז אָפְּוִוישְׁן ר׳ פִּנְחָס. מֶען הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ אַן אֲסִיפָה צוּ בַּאשְׁלִיסְן וָואס צוּ טוּן מִיט דֶער מְלַמֵד עֶס אִיז בַּאשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן אַז מֶען מוּז אִים אָפְּרוֹימֶען פוּן וֶועג אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער. מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן אַלֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אִים אוּמְבְּרֶענְגֶען בִּיז מֶען הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז דָאס בֶּעסְטֶע וֶועט זַיין אַז מֶען וֶועט דִינְגֶען... חַיִּים דֶער קַצָּב! וִוי נָאר עֶר וֶועט צוּרִירְן דֶעם שְׁוַואכְן קְרַאנְקְן ר׳ פִּנְחָס וֶועט שׁוֹין אַלֶעס וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט...*

חַיִּים דֶער קַצָּב הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶען הָאט פַארְהַאנְדְלְט מִיט אַ פְּרַייז, מֶען הָאט אִים אֲפִילוּ

צוּגֶעזָאגְט עוֹלָם-הַבָּא פַאר דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה וָואס עֶר וֶועט אוֹיסְפִירְן, אוּן חַיִים הָאט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם אָנְבָּאט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְ׳ט אַז שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג בַּיי שָׁלֹש סְעוּדוֹת וֶוען ר׳ פִּנְחָס זָאגְט תּוֹרָה אִין דֶער טוּנְקֶל, וֶועט זַיין אַ גוּטֶער גֶעלֶעגְנְהַייט אִים צוּ כַאפְּן בַּיי דֶער מַעֲשֶׂה אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט אִים בְּרֶענְגֶען צוּ יֶענֶע וֶועלְט... חַס וְשָׁלוֹם.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, חַיִים גְרֵייט זִיךְ מִיט אַ ׳לְשֵׁם יִחוּד׳ צוּ מְקַיֵים זַיין דֶער גְרוֹיסֶער מִצְוָה – דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מִצְוָה וָואס עֶר הָאט נָאךְ גֶעהִיטְן. מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אִיז עֶר אַרוֹיס אִין וֶועג. שְׁטִיל, שְׁטִיל, הָאט עֶר זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁלַייכְט אִינֶעם הֵיכָל וואו ר׳ פִּנְחָס אִיז גֶעזֶעצְן מִיט פַארְגְלַייזְטֶע אוֹיגְן אוּן גֶערֶעדְט דִבְרֵי תּוֹרָה. חַיִים קַצָּב הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַ זַייט צוּ קֶענֶען קָאנְטְרָאלִירְן ר׳ פִּנְחָסְ׳ן אוּן בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעלֶעגְנְהַייט וֶועט עֶר אַרוֹיסְטַאנְצְן פוּן זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן טוּן וָואס מְ׳דַארְף...

חַיִים זִיצְט אוּן זִיצְט אוּן הֶערְט. עֶר הֶערְט זִיךְ צוּ וָואס ר׳ פִּנְחָס זָאגְט דָארְט.

׳הֶערְן גוּט מַיינֶע אוֹיעֶרְן?׳ קֶען זִיךְ חַיִים נִישְׁט גְלֵייבְן, ׳דֶער אִידְ׳ל דָא, וְוִי אַזוֹי רוּפְט מֶען אִים? פִּנְחָס קִיבְּלִיטְשֶׁער, יָא, עֶר זָאגְט אַז, ״אֲפִילוּ אַ אִיד הָאט שׁוֹין גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵרוֹת קֶען עֶר נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן. אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה וֶוערְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָוארְט אוֹיף אִים!״

״דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָוארְט אוֹיף אִים״,׳ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער אָפְּגֶעקְלִינְגֶען אִין זַיינֶע אוֹיעֶרְן. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָוארְט אוֹיף דִיר!׳ הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ.

חַיִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן צוּגֶענָאגְלְט צוּ זַיין פְּלַאץ אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט קַיין אֵבֶר.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת. מֶען צִינְד אָן דִי אוֹיל לָאמְפּ. אַ שְׁטִילֶע קוֹל פוּן אַ גֶעוֵויין הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג צוּשְׁפְּרֵייט אִינֶעם גַאנְצְן הֵיכָל אוּן אִיז אַלְץ גֶעוָוארְן הֶעכֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

״וֶוער אִיז עֶס דָארְט וָואס וֵויינְט?״ הָאבְּן זִיךְ אַלֶע גֶעוואוּנְדֶערְט.

חַיִים... קַצָּב?! סְ׳קֶען נִישְׁט זַיין! אוּן עֶר וֵויינְט מִיט בִּיטֶערֶע בְּכִיוֹת! אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ פַארְשְׁטֶעלְטֶער חַיִים קַצָּב? הָאבְּן דִי קִינְדֶער גֶעקְלֶערְט. אָבֶּער ר׳ פִּנְחָס הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר עֶרְנְסְט. עֶר הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶר וַוארֶעם אוּן וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּ חַיִים קַצָּב גוּטֶע וֶוערְטֶער

״ר׳ פִּנְחָס, זַייט מִיר מוֹחֵל! זַייט מִיר מוֹחֵל!״ הָאט עֶר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט. אוּן ר׳ פִּנְחָס הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס חַיִים קַצָּב בֶּעט אִים אִיבֶּער. אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּ אִים אוּן אִים מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אוּן פוּן חַיִים קַצָּב אִיז גֶעוָוארְן ר׳ חַיִים דֶער צַדִיק!

וֶוער עֶס הָאט גֶעקֶענְט חַיִים קַצָּב שְׁפֶּעטֶער הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז אַ

נַייעֶר מֶענְטְשׁ. זַיינֶע מִדּוֹת זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעאֵיידְלְט. זַיין דַאוְוענֶען אִיז גֶעוָוארְן מִיט אַ פַייעֶר אוּן אַ בְּרֶען. עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ רִיכְטִיגֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה.

הָרַב הֶחָסִיד ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ״ל דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי תַּלְמִידִים פוּן ר׳ פִּנְחָס קִיבְּלִיטְשֶׁער, עֶר הָאט זֵיי אַלֶע גֶעקֶענְט. אוֹיךְ זַיין שְׁוֶוער, ר׳ אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן ר׳ פִּנְחָס. אוּן חַיִּים קַצָּב הָאט עֶר גוּט גֶעקֶענְט. עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט ווִי פָאלְגְנְד [מִיט שִׁינּוּיִם וְויאַזוֹי מִיר הָאבְּן דָאס גֶעשְׁרִיבְּן:]

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַ ר׳ חַיִּים קַצָּב, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ׳חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בּוֹ׳. חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בּוֹ – עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אִים אַלֶעס. מֶען הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בּוֹ. וֶוען עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ פִינְגֶער, הָאט עֶר גֶעקֶענְט יֶענֶעם הַרְגֶ׳עְנֶען – מִיט אַ פִינְגֶער, נִישְׁט מִיט אַ הַאנְט! עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גִּבּוֹר אוּן אַ קַצָּב יוּנְג!

וֶוען ר׳ פִּנְחָס קִיבְּלִיטְשֶׁער אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶעסְלֶבֶ׳ער חָסִיד, הָאט מֶען גֶעשִׁיקְט חַיִּים זָאל אִים גֶעבְּן אַ שְׁנֶעדְל – אַ רִיר אָן אוּן עֶר וֶועט אִים אַוֶועקְלֵייגְן! מַיין שְׁוֶוער דֶערְצֵיילְט: ״ס׳אִיז גֶעוֶוען שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, ר׳ פִּנְחָס אִיז גֶעזֶעצְן דָארְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן גֶערֶעדְט. ר׳ פִּנְחָס הָאט גֶערֶעדְט, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען חַיִּים. דֶער חַיִּים וֶועט גֶעבְּן ר׳ פִּנְחָס אַ רִיר אָן – עֶר אִיז אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ גֶעוֶוען [ר׳ פִּנְחָס], וֶועט עֶר אִים אַוֶועקְלֵייגְן גְלַייךְ.

אָבֶּער, ר׳ פִּנְחָס אִיז אַ חָכָם גֶעוֶוען, עֶר הָאט צוּגֶערוּפְן חַיִּים צוּ זִיךְ – עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן מִיט אִים אַזֶעלְכֶע גוּטֶע רֵייד, אוּן הָאט אִים גְלַייךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען, אוּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ בְּרֶעסְלֶבֶ׳ער חָסִיד! חַיִּים אִיז דָאךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִים צוּ שְׁלָאגְן, אוּן הָאט אִים שׁוֹין גֶעמַאכְט פַאר בְּרֶעסְלֶבֶ׳ער!

ר׳ חַיִּים קַצָּב! אַיי, אַיי, אַיי! דֶער חַיִּים קַצָּב אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְד גֶעוֶוען! אִיךְ הָאבּ אִים דָאךְ גֶעקֶענְט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער. עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא אוֹיסְגֶעאֵיידְלְטֶע פָּנִים, אַז דֶער פָּנִים אִיז גֶעוֶוען פוּל אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁט פוּן טְרֶערְן – פוּן אַ שְׁלֶעכְטִיגֶע פָּנִים [וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בֶּעפָאר].

מַיין שְׁוָואגֶער, ר׳ מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְכָאוֶוער פְלֶעגְט הַאלְטְן בַּיי אִים אַן אַכְסַנְיָא, חַיִּים אִיז גֶעוֶוען אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ – הָאט מִיר ר׳ מֹשֶׁה דֶערְצֵיילְט אַז, ״בַּיינַאכְט זָאגְט עֶר דִי לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת; אוֹיסְגֶעגָאסְן מִיט טְרֶערְן. מ׳הָאט גֶארְנִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן אִין זַיין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, ס׳אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעוֵויינְט מִיט טְרֶערְן.״

חַיִּים פְלֶעגְט דַאוְונֶען אִין קִיבְּלִיטְשׁ נֶעבְּן מִיר. יֶעדֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעגָאסְן מִיט טְרֶערְן, אוֹיסְגֶעגָאסְן מִיט טְרֶערְן – יֶעדֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה! ווִי אַ שֵׁיין פָּנִים וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן אַ בַּאדֶע צִימֶער, גוּטְס אַ קוּק וָואס דֶעם רֶבִּי׳נְס פַאבְּרִיק קֶען מַאכְן, פוּן חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בּוֹ,

חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, טאקֶע – זָאל וֶוערְן חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם וְיִרְאַת חֵטְא!

אֵיינֶער הָאט אֵיינְמָאל גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְש פַאר חַיִּים, און חַיִּים הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן צוּרִיק. עֶר הָאט ווִי גֶעזָאגְט פַּאר זִיךְ אַלֵיין: "חַיִּים זָאל מֶען גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ?" אוֹיף זִיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֶען זָאל מִיר גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ און אִיךְ זָאל נִישְׁט גֶעבְּן אוֹיף צוּרִיק?! דָאס אִיז נָאר וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד!"

עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט דִי הֶענְט, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט גֶעבְּן אוֹיף צוּרִיק – עֶס גִיבְּט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק!

דֶער חַיִּים קַצָּב – נָאר דֶער רֶבִּי קֶען דָאס מַאכְן! אַזַא מִין יוּנְג און מַאכְן פוּן אִים אַזַא מִין כְּלִי? עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער – אִין דִי נַיינְצִיגֶער יָארְן.

# ווֶעלוול שייגעץ

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער, אַז אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג און נֶעבְּן אִים אִיז גֶעזֶעסְן 'וֶועלְוְול שֵׁייגֶעץ', אַזוֹי הָאט מֶען אִים נֶעבֶּעך גֶערוּפְן אִין שְׁטָאט, אַ שֵׁייגֶעץ! מִן-הַסְּתָם הָאט עֶר זִיךְ פַארְדִינְט דֶער נָאמֶען פַאר זַיינֶע 'מַעֲשִׂים טוֹבִים', וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין... אֶפְשָׁר אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גַנָּב, אַ לִיגְעֶנֶער, אַ פָּאפֶּער, אַ שְׁלֶעגֶער, כְ'וֵויים נִישְׁט וָואס – וָואס אַ חִילוּק? ס'אִיז נִישְׁט שֵׁיין צוּ רֶעדְן פוּן יֶענֶעמְ'ס שְׁוַואכְקַייטְן.

הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר ר' לֵוִי יִצְחָק, אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל אִיז עֶר גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן ר' פִּנְחָס קִיבְּלִיטְשֶׁער, און וֶוען דָאס פַייעֶר פוּן מַחֲלוֹקֶת הָאט אוֹיסְגֶעפְלַאצְט אִיז עֶר אַוֶועק פוּן אִים. און וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן פוּן דֶעם וואוֹילְן וֶועלְוֶועלֶע פוּן חֶדֶר? 'וֶועלְוְול שֵׁייגֶעץ'! דֶער שֵׁייגַאץ פוּן שְׁטָאט!

ר' אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער דֶער שְׁוֶוער פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק אִיז גֶעבְּלִיבְּן, חַיִּים קַצָּב אִיז גֶעבְּלִיבְּן און וָואס אִיז גֶעוָוארְן פוּן זֵיי? צַדִּיקִים! מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶערוּפְן שֵׁייגַאץ, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען הֵיילִיגֶע אִידְן.

"פַארְוָואס רוּפְט מֶען מִיר אַזוֹי?" הָאט וֶועלְוְול זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ ר' לֵוִי יִצְחָק, "וַוייל אִיךְ בִּין אַוֶועק פוּן ר' פִּנְחָס! וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעבְּלִיבְּן בַּיי ר' פִּנְחָס וָואלְט מֶען מִיר נִישְׁט גֶערוּפְן וֶועלְוְול שֵׁייגֶעץ!"

אַ שָׁאד אוֹיף דִי טַייעֶרֶע נְשָׁמָה וָואס אִיז פַארְלוֹירְן גֶעגַאנְגֶען. וָואס קֶענֶען מִיר, קִינְדֶערְלֶעךְ, זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה? זִיךְ צוּ הַאלְטְן פֶעסְט מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס אוֹר אֲפִילוּ דִי נַאס פַארְדְרֵייט אוּנְז דִי קָאפּ, זָאלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן. מֶען דַארְף קְלָאר ווִיסְן אַז דָאס אִיז נָאר מַעֲשֵׂה יֵצֶר. דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל נִישְׁט אַז עֶס זָאל זַיין טַייעֶרֶע אִידְן ווִי חַיִּים און – און -- נָאר אַלֶע זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם זַיין ווִי וֶועלְוְול שֵׁייגֶעץ!

אָבֶער מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים נָאר שְׁטֵיין פֶעסְט מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס פְּלַאס!

# סיפורי מעשיות מעשה ט׳ - דער חכם און דער תם 3

און עֶר אִיז פוּל גֶעוֶוען מִיט ׳שִׂמְחָה׳ און ׳פְּרֵייד׳ און ׳לוּסְטִיג׳ תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט [גֶעעֶנְדִיגְט] דֶעם ׳שׁוּךְ׳ – און מִן־הַסְתָּם הָאט דֶער ׳שׁוּךְ׳ גֶעהַאט ׳דְרֵיי עֶקְן׳, וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ דִי ׳מְלָאכָה׳ נִישְׁט גֶעקֶענְט אִינְגַאנְצְן – פְּלֶעגְט עֶר [דַאן] נֶעמֶען דֶעם ׳שׁוּךְ׳ אִין דֶער הַאנְט אַרֵיין, און הָאט אִים זֵייעֶר גֶעלוֹיבְּט! – און עֶר הָאט גְרוֹיס ׳תַּעֲנוּג׳ גֶעהַאט פוּן אִים!

און פְלֶעגְט זָאגְן: ״מַיין וַוייבּ! וָואסֶער אַ [וָואסְפַּארַא] ׳שֵׁיינְקֵייט׳, און וָואסֶער אַ [וָואסְפַּארַא] ׳וואוֹילְקֵייט׳, דָאס ׳שִׁיכֶעלֶע׳ אִיז! וָואסֶער אַ [וָואסְפַּארַא] ׳זִיסְקֵייט׳ דָאס ׳שִׁיכֶעלֶע׳ אִיז! וָואסֶער אַ [וָואסְפַּארַא] ׳הָאנִיגְ׳דִיג׳, וָואסֶער אַ [וָואסְפַּארַא] ׳צוּקֶערְ׳דִיג׳ ׳שִׁיכֶעלֶע׳ דָאס אִיז״!

הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: ״אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, [דֶעמָאלְט] פַּארְוָואס אַנְדֶערֶע ׳שׁוּסְטֶערְס׳ נֶעמֶען ׳דְרֵיי גִילְדְן׳ פַּאר אַ ׳פָּאר שִׁיךְ׳, און דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ ׳הַאלְבְּן טָאלֶער׳ (דְהַיְינוּ: אַ גִילְדְן מִיט אַ הַאלְבְּן)״?!

הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וָואס הָאט דָאס צוּ מִיר?! – דָאס אִיז יֶענֶעמְ׳ס מַעֲשֶׂה, און דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה! און וִוידֶער! – וָואס הָאבְּן מִיר צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע לַייט!

לָאמִיר נָאר אָנְהֵייבְּן בַּארֶעכֶענֶען, וִויפִיל אִיךְ גֶעוִוין [פַּארְדִין] דָא אִין דֶעם ׳שִׁיכְל׳ מִיַד־לְיַד! – דִי ׳לֶעדֶער׳ קָאסְט מִיךְ אַזוֹיפִיל, ׳זִיוִויצֶע׳ [פֶּעךְ אָנְצוּשְׁמִירְן] און ׳דְרַאטְוֶועס׳ [פָּאדֶעם] קָאסְט אַזוֹיפִיל, ׳לַאפְּקֶעס׳ [אָנְצוּפִילְן דִי לֶעדֶער] אַזוֹיפִיל – און אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכְן אַזוֹיפִיל – הַיינְט גֶעוִוין [פַּארְדִין] אִיךְ מִיַד־לְיַד ׳צֶען גְרָאשְׁן׳! – נָא וָואס אַרְט עֶס מִיךְ אַזוֹי אַ רֶוַוח [פַּארְדִינְסְט] מִיַד־לְיַד״! און עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאר ׳פְרֵיילֶעךְ׳ און ׳לוּסְטִיג׳ תָּמִיד!

און בַּיי דֶער וֶועלְט, אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גֶעשְׁפֶּעט! – און זֵיי הָאבְּן דָא גֶעקְרִיגְן וָואס זֵיי וִוילְן, וָוארְן זֵיי הָאבְּן דָא גֶעהַאט אוֹיס [פוּן] וֶועמֶען צוּ שְׁפֶּעטְן אַזוֹי־וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט – וָוארְן עֶר הָאט אַ פָּנִים גֶעהַאט בַּיי זֵיי, וִוי אַ ׳מְשׁוּגֶע׳נֶער׳!

פְלֶעגְן מֶענְטְשְׁן קוּמֶען, און הָאבְּן אִין מִיסְטְנֶע [בְּכַוָונָה] אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן, כְּדֵי זֵיי זָאלְן הָאבְּן עֶפֶּעס צוּ שְׁפֶּעטְן! און דֶער ׳תַּם׳ פְלֶעגְט זֵיי צוּ זָאגְן: ״נָאר אָן לֵיצָנוּת״! און תֵּיכֶף וִוי מֶען הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אָן לֵיצָנוּת״! – הָאט עֶר זֵיי צוּגֶעהֶערְט, און הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּעֶסְן!

וָוארְן וַוייטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן ׳חָכְמוֹת׳ – [וַוייל] טָאמֶער אִיז דָאס אַלֵיין ׳לֵיצָנוּת׳ – וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳תַּם׳! און אַז עֶר הָאט פָּארְט גֶעזֶעהְן אַז זֵיי מֵיינֶען ׳לֵיצָנוּת׳, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן:

״וָואס וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין קְלוּגֶער זַיין פוּן מִיר [אַז קֶעגְן מִיר בִּיזְטוּ קְלוּגֶער] – וֶועסְטוּ זִיךְ הֶערְשְׁט זַיין אַ ׳נַעַר׳ – וָוארְן וָואס טְרֶעף אִיךְ אָן [וָואס בִּין אִיךְ וֶוערְד] – און אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין פוּן מִיר קְלוּגֶער זַיין, וֶועסְטוּ זִיךְ הֶערְשְׁט זַיין אַ ׳נַעַר׳״!

(אַזוֹי אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם ׳תַּם׳! הַיינְט וֶועלְן מִיר וִוידֶער דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם ׳חָכָם׳!)

דֶערְוַוייל אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ: "אַז דֶער 'חָכָם' פָּארְט [אַהֶער], אוּן עֶר קוּמְט אָן מִיט גְרוֹיס 'גְדוּלָה', אוּן מִיט גְרוֹיס 'חָכְמָה'"!

אִיז דֶער 'תָּם' אוֹיךְ גֶעלָאפְן אִים אַקֶעגְן מִיט גְרוֹיס 'שִׂמְחָה' – אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'וַוייבּ': "גִיבּ מִיר גִיךְ [שְׁנֶעל] דִי 'יוּפָּא'! לָאם־אִיךְ [לָאמִיר] גֵיין אַקֶעגְן מַיין לִיבְּן חַבֶר, לָאם־אִיךְ [לָאמִיר] אִים זֶעהְן"!

הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם 'פֶּעלְץ'! – אִיז עֶר אִים אַקֶעגְן גֶעלָאפְן! אוּן דֶער 'חָכָם' אִיז גֶעפָארְן אִין אַ 'קַארֶעטֶע' [פַּארְמַאכְטֶע וָואגְן], מִיט גְרוֹיסְקֵייט!

אִיז אִים גֶעקוּמֶען אַקֶעגְן דֶער 'תָּם', אוּן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן: "שָׁלוֹם" – מִיט 'שִׂמְחָה', מִיט 'גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט'! – אוּן הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער! וָואס טוּסְטוּ?! גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט דִיךְ גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט], אוּן אִיךְ בִּין זוֹכֶה דִיךְ צוּ זֶעהְן"!

אוּן דֶער 'חָכָם' קוּקְט אִים אָן! – בַּיי אִים אִיז זִיךְ [דָאךְ] דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיךְ גֶעוֶוען גָארְנִישְׁט (אַזוֹי־וִוי אוֹיבְן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען: אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט, הָאבְּן בַּיי אִים גָארְנִישְׁט אָנְגֶעטְרָאפְן, וָוארְן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ קְלוּגֶער גֶעוֶוען פוּן גָאר דֶער וֶועלְט) – מִכָּל־שֶׁכֵּן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אַ פָּנִים וִוי 'מְשׁוּגָע' – נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דִי [גְרוֹיסֶע] אַהֲבָה פוּן דֶער יוּגְנְט, וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט – הָאט עֶר אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען! אוּן עֶר אִיז מִיט אִים גֶעפָארְן אִין שְׁטָאט אַרַיין!

אוּן דִי צְוֵויי 'בַּעֲלֵי־בַּתִּים', דִי פֶעטֶער [טַאטֶעס] פוּן דִי 'צְוֵויי קִינְדֶער' (דְהַיְינוּ: פוּן דֶעם 'חָכָם', אוּן פוּן דֶעם 'תָּם') – זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטָארְבְּן, אִין דֶער צַייט וָואס דֶער 'חָכָם' אִיז אוֹיסְן־גֶעוֶוען [אַרוּמְגֶעוַואנְדֶערְט] אִין 'מְדִינוֹת' – אוּן הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זֵייעֶרֶע 'הַייזֶער'!

דֶער 'תָּם' אִיז גֶעוֶוען אוֹיף זַיין אָרְט [פְּלַאץ] – אִיז עֶר אַרַיין אִין זַיין פָּאטֶערְס 'הוֹיז', אוּן הָאט עֶס גֶעיַרְשְׁ'ט!

דֶער 'חָכָם' אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אִין 'פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת' – הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעהַאט אָפְּצוּנֶעמֶען דָאס 'הוֹיז' – אִיז דָאס 'הוֹיז' פוּן דֶעם 'חָכָם', כָּלָה וְאָבַד [חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן סְ'אִיז דֶערְפוּן גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן!

הָאט דֶער 'חָכָם' נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁטוּבּ עֶר זָאל אַרַיין, בְּשַׁעַת אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען! אִיז עֶר פַארְפָארְן אִין אַ 'אַרְבֶּערִיג' [גַאסְט־הוֹיז; אַכְסַנְיָא] אַרַיין! – הָאט עֶר דָארְט גֶעהַאט 'יִסוּרִים'! – וָוארְן סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי אַ [אַזַא] 'אַרְבֶּערִיג' וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

אוּן דֶער 'תָּם', הָאט זִיךְ שׁוֹין הַיינְט גֶעפוּנֶען אַ נֵייעֶ טוּעכְץ – אוּן פְלֶעגְט לוֹיפְן אַלֶעמָאל צוּם 'חָכָם', מִיט 'לִיבְּשַׁאפְט', אוּן מִיט 'שִׂמְחָה'! אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז דֶער 'חָכָם' הָאט 'יִסוּרִים' פוּן דֶער 'אַרְבֶּערִיג'" [גַאסְט־הוֹיז; אַכְסַנְיָא]!

הָאט דֶער 'תָּם' גֶעזָאגְט צוּם 'חָכָם': "בְּרוּדֶער! גֵיי צוּ מִיר אַרַיין, אִין מַיין 'שְׁטוּבּ' אַרַיין, וֶועסְטוּ בַּיי מִיר שְׁטֵיין [אַיינְשְׁטֵיין]! אוּן אִיךְ וֶועל מִיךְ צוּם אוֹיפְנֶעמֶען אִין אֵיין 'זְמֶענֶע' [הוֹיפְן], גָאר וָואס אִיךְ הָאבּ! – אוּן גָאר מַיין 'שְׁטוּבּ' וֶועסְטוּ הָאבְּן"!

אִיז דָאס גֶעפֶעלְן דֶעם 'חָכָם'! – אִיז דֶער 'חָכָם' צוּ אִים אַרַיין, אוּן עֶר אִיז בַּיי אִים גֶעשְׁטַאנֶען [אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען]! אוּן דֶער 'חָכָם' אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט 'יִסוּרִים' תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג]! וָוארְן עֶר הָאט גֶעלָאזְט אַ 'שֵׁם' [אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ גוּטְן נָאמֶען]: "אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער 'חָכָם', אוּן אַ גְרוֹיסֶער 'בַּעַל־מְלָאכָה', אוּן אַ גְרוֹיסֶער 'דָאקְטֶער' זֵייעֶר"! [אוּן עֶס] אִיז גֶעקוּמֶען אַ 'שְׂרָרָה' [שַׂר], אוּן הָאט גֶעהֵייסְן: "אַז עֶר זָאל אִים מַאכְן אַ 'גִילְדְן־פִינְגֶערְל' [גָאלְדֶענֶע רִינְגְל]"!

הָאט עֶר אִים גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַ 'וואוֹיל [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] פִינְגֶערְל'! – אוּן הָאט דָארְט אוֹיסְגֶעקְרִיצְט 'גֶעמֶעלְץ' [מָאלֶערַייעֶן], מִיט זֵייעֶר 'וואוֹילֶע גֶענְג' [וואוּנְדֶערְלִיכֶע

וֶועגְן]! – און הָאט דָארְט אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אַ 'בּוֹים', וָואס סֶע [סְ'אִיז] גֶעוֶוען גָאר אַ חִידוּשׁ!

אִיז גֶעקוּמֶען דֶער 'שְׂרָרָה' [שַׂר], און סְ'אִיז אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְן דָאס 'פִּינְגֶערְל' [רִינְגְל]! הָאט עֶר גֶעהַאט [דֶערְפוּן] 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים'! – וָוארְן עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעוואוּסְט: "אַז [אוֹיבּ] דָאס 'פִּינְגֶערְל' מִיט דֶעם 'בֵּיימְל' [בּוֹים], זָאל גֶעוֶוען זַיין אִין 'שְׁפַּאנְיָא' – וָואלְט עֶס זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען, סְ'וָואלְט דָארְט גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ! – און דָא גֶעפֶעלְט עֶס גָארְנִישְׁט"!

און אַזוֹי אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ 'גְרוֹיסֶער שְׂרָרָה' [שַׂר]! – און הָאט גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] אַ טֵייעֶרְן 'דוּמִיט' [דִימַאנְט], וָואס מֶען הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער! – און עֶר הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט נָאךְ אַ 'דוּמִיט' [דִימַאנְט] מִיט אַ 'גֶעמֶעל' [מָאלֶערַיי]! – און הָאט אִים גֶעהֵייסְן: "אַז עֶר זָאל אוֹיסְקְרִיצְן אַזוֹי־וִוי דָאס 'גֶעמֶעל' [מָאלֶערַיי] אִיז, אַזוֹי זָאל עֶר [דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ] אוֹיסְקְרִיצְן, אוֹיף דֶעם 'דוּמִיט' [דִימַאנְט] וָואס עֶר הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט" (וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן וַוייטֶע לֶענְדֶער)!

הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקְרִיצְט פּוּנְקְט אַזוֹי־וִוי דָאס 'גֶעמֶעל' [מָאלֶערַיי]! – נָאר עֶר הָאט גֶעפֶעלְט [פַּארְפֶעלְט בְּטָעוּת] אֵיין זַאךְ, וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז דֶערוֹיף קַיין מֵבִין נִישְׁט גֶעוֶוען, נָאר עֶר אַלֵיין!

אִיז גֶעקוּמֶען דֶער 'שְׂרָרָה' [שַׂר], און הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דֶעם 'דוּמִיט' [דִימַאנְט] – און עֶר אִיז אִים וואוֹיל־גֶעפֶעלְן!

און דֶער 'חָכָם' הָאט גֶעהַאט 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים', פוּן דֶעם פֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעפֶעלְט [פַּארְפֶעלְט בְּטָעוּת] – עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "אַזוֹי קְלוּג וִוי אִיךְ בִּין, הַיינְט זָאל זִיךְ מִיר טְרֶעפְן אַ פֶעלֶער"?!

און אַזוֹי אִין 'דָאקְטֶערַיי', הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט 'יִסוּרִים'! אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'חוֹלֶה' – און עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן 'רְפוּאוֹת', וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט קְלָאר: אַז [אוֹיבּ] דֶעם 'חוֹלֶה' וֶועט גֵיין אוֹיף לֶעבְּן [אוֹיבּ עֶס אִיז אִים בַּאשֶׁערְט צוּ לֶעבְּן] – אִיז עֶר מְחוּיָיב בְּוַודַאי גֶעהֵיילְט צוּ וֶוערְן פוּן דִי 'רְפוּאוֹת' – וָוארְן סְ'אִיז זֵייעֶר וואוֹילֶע [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] 'רְפוּאוֹת'. דֶערְנָאךְ אִיז אָבֶּער דֶער 'חוֹלֶה' גֶעשְׁטָארְבְּן!

הָאט דֶער 'עוֹלָם' גֶעזָאגְט: "אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן דוּרְךְ אִים"! – הָאט עֶר 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים' דֶערְפוּן גֶעהַאט! און אַזוֹי אַמָאל הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן 'רְפוּאוֹת' [פַאר] אַ 'חוֹלֶה' – און דֶער 'חוֹלֶה' אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן! – און דֶער 'עוֹלָם' הָאט גֶעזָאגְט: "סְ'אִיז אַ מִקְרֶה" (כְּלוֹמַר: עֶר אִיז [סְתַּם] אַזוֹי גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, נִישְׁט פוּן אִים)! הָאט עֶר דֶערְפוּן אוֹיךְ, 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים' גֶעהַאט! און עֶר אִיז פוּל גֶעוֶוען מִיט 'יִסוּרִים' תָּמִיד!

און אַזוֹי [אוֹיךְ] אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אַ 'מַלְבּוּשׁ' – הָאט עֶר גֶערוּפְן דֶעם 'שְׁנַיידֶער' – און הָאט זִיךְ מִיט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט – בִּיז עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט: "אַז עֶר זָאל מַאכְן דָאס 'מַלְבּוּשׁ' מִיט דֶער 'מָאדֶע' אַזוֹי־וִוי עֶר וִויל, אַזוֹי־וִוי עֶר הָאט גֶעוואוּסְט"!

הָאט דֶער 'שְׁנַיידֶער' צוּגֶעטְרָאפְן, און הָאט אִים גֶעמַאכְט דָאס 'מַלְבּוּשׁ', אַזוֹי־וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט! – נָאר אֵיין 'לֶעפְּל' [זוֹים; עֶק פוּנֶעם מַלְבּוּשׁ], הָאט דֶער 'שְׁנַיידֶער' גֶעפֶעלְט [פַּארְפֶעלְט בְּטָעוּת], און הָאט עֶס נִישְׁט גוּט צוּגֶעטְרָאפְן!

הָאט עֶר דֶערְפוּן 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים' גֶעהַאט! – וָוארְן עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעוואוּסְט: "כָאטְשֶׁע דָא [אִיז דָאס שֵׁיין, וַוייל עֶס] אִיז דֶערוֹיף קֵיינֶער קַיין מֵבִין נִישְׁט – אִיךְ זָאל אָבֶּער זַיין [אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען] אִין 'שְׁפַּאנְיָא' מִיט דֶעם [דָאזִיגְן] 'לֶעפְּל', וָואלְט מֶען אוֹיס מִיר גֶעלַאכְט [מִיר אוֹיסְגֶעלַאכְט], און אִיךְ וָואלְט אַ פָּנִים גֶעהַאט וִוי חוֹזֶק"! און אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוֶוען פוּל מִיט 'יִסוּרִים' תָּמִיד!

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (3)

**א. וואס האט דער תם געזאגט פאר זיין ווייב אויף זיין שוך מיט דריי עקן?**

- ☐ וואספארא שיינקייט און ווערליקייט איז דאס שוך.
- ☐ וואספארא זיסקייט איז דאס שוך.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ב. ווען זיין ווייב האט אים געפרעגט: "די נעמסט נאך א גולדן מיט א האלבן", וואס ענטפערט דער תם?**

- ☐ דאס איז יענעמס מעשה, און דאס איז מיין מעשה.
- ☐ וואס האבן מיר צו שמועסן פון אנדערע לייט.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ג. וואס האט אים זיין ווייב געגעבן אנצוטון ווען ער איז געגאנגען צום חכם?**

- ☐ די פעלץ.
- ☐ די טוליפ.
- ☐ די יופא.

**ד. וואס איז געווארן מיט די הויז פונעם טאטן פונעם חכם?**

- ☐ עס איז זייער שיין איבערגעבויעט געווארן.
- ☐ עס איז אינגאנצן חרוב געווארן.
- ☐ עס איז געווארן א הערליכע שיינע אכסניא.

**ה. האט דער חכם הנאה געהאט פון דעם פלאץ וואו ער איז איינגעשטאנען ?**

- ☐ זייער הנאה געהאט.
- ☐ ס'איז נישט געווען באקוועם פאר אים.
- ☐ ער האט געהאט דארטן יסורים.

**ו. וואו איז דעם חכם געגאנגען וואוינען נאך דעם?**

- ☐ אין די שטוב פונעם תם.
- ☐ אין א הערליכע שיינע אכסניא.
- ☐ געבליבן די גאנצע צייט אין די אכסניא.

**ז. איז געפעלן פארן שררה (שר), דאס פינגערל וואס דער חכם האט געמאכט?**

- ☐ עס איז אים זייער געפעלן.
- ☐ יא, נאר איין זאך איז אים נישט געפעלן.
- ☐ עס איז אים גאר נישט געפעלן.

**ח. וואספארא יסורים האט דער חכם געהאט פונעם אויסגעקריצטן דומיט (דימאנט)?**

- ☐ פון א קלאפ וואס ער האט געכאפט פונעם דומיט.
- ☐ פון א פעלער וואס ער האט געמאכט.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ט. וואס האט דער עולם געזאגט ווען א קראנקער איז געזונט געווארן פון די רפואות פונעם חכם?**

- ☐ געגליבט דעם חכם אז אין זיין זכות איז ער געהיילט געווארן.
- ☐ ס'איז א מקרה (סתם אזוי).
- ☐ ווען נישט די רפואות, וואלט ער שנעלער געהיילט געווארן.

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

**וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה אז דער חכם האט געהאט יסורים?**



**תשובות פון פאריגע וואך. דער תם: האט די מְלָאכָה נישט גִיקֶענְט, האט נישט גִיהַאט צייט אֲפִילוּ צו עֶסְן, האט נישט גִיקֶענְט די מְלָאכָה אִין גַאנְצְן**
**דער תם: איז געווען נָאר אִין שִׂמְחָה תָּמִיד, האט געהאט אַלֶע מַאֲכָלִים, און אַלֶע מַשְׁקָאוֹת און אַלֶע מַלְבּוּשִׁים, איז פול גִיוֶוען מיט שִׂמְחָה און פְרֵייד און לוּסְטִיק תָּמִיד.**

**דער געווינער אויף פרשת וארא איז הילד החשוב יוסי לעווינזאן, בית שמש**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



דעם רבינ'ס

# משלים

# דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט (2)

הָאט זִיךְ דֶער שַׂר מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אַז וַוייזְט אוֹיס אַז עֶס אִיז זִיכֶער דָא עֶפֶּעס אַ וֶועג אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיטְן קֶענִיג, וַוייל דֶער קֶענִיג וֶועט זִיכֶער נִישְׁט טוּן אַזַא שְׂרִיט אַז זַיין זוּן זָאל אֵייבִּיג הָאבְּן יִסוּרִים אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען צוּ אִים. הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט, 'זִיכֶער וֶוענְדֶעט זִיךְ נִישְׁט דִי זַאךְ אִין קֵיינֶעם נָאר אִין מִיר, אַז אִיךְ אַלֵיין זָאל גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן זִיךְ אַיינְבֶּעטְן פַּארְן וואוֹילְזַיין פוּן זַיין זוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ, עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוּן אִים אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען'.

הָאט דֶער שַׂר אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶענִיג אוּן אִים קֶענִיג וִוי שְׁטַארְק זַיין זוּן גַארְט אוּן גְלוּסְט צוּ אִים, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם קֶענִיג עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין. הָאט דֶער קֶענִיג בַּאלְד צוּגֶעשְׁטִימְט אוּן צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם בֶּן מֶלֶךְ אוּן אִים צוּ זִיךְ אִין פַּאלַאץ.

דֶער נִמְשָׁל אִיז פַּארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ זָאגְן: "אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר פַאר מִיר, דֶערִיבֶּער דַארְף אִיךְ עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם תִּיקּוּן הָעוֹלָם, זֶעהְן צוּ פַארֶעכְטְן דִי וֶועלְט". דֶערִיבֶּער אוֹיבּ הָאט זַיין חָבֵר חַס וְשָׁלוֹם עֶפֶּעס יִסוּרִים, צִי בְּגַשְׁמִיּוּת אָדֶער בְּרוּחָנִיּוּת, דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְן אוּן וִויסְן אַז דָאס אִיז זִיכֶער דוּרְךְ מִיר - וֶועגְן מַיינֶע זִינְד, אוּן אִיךְ בִּין דֶער מֶסֶךְ הַמַּבְדִּיל צְווִישְׁן דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים מִיט דִי וֶועלְט. וַוייל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וִויל שְׁטֶענְדִיג מַשְׁפִּיעַ זַיין נָאר גוּטְס פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ, דָאס מֵיינְט מַיינֶע זִינְד, אִיז דֶער מֶסֶךְ הַמַּבְדִּיל. דֶערִיבֶּער אִיז דֶער עִיקָר עֵצָה אַז אִיךְ אַלֵיין זָאל גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן בֶּעטְן לְטוֹבַת מַיין חָבֵר, אוּן וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ אַוַודַאי נִישְׁט גְרוֹיס, וַוייל דֶער עִיקָר וָואס מֶען הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אִיבֶּער אַ חָבֵר אִיז נָאר וַוייל מֶען הָאט עֶפֶּעס אַ מַעְלָה מֶער וִוי דֶער חָבֵר, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַרַיין אַז דָאס וָואס מַיין חָבֵר הָאט נִישְׁט אָט דִי מַעְלָה בְּגַשְׁמִיּוּת אָדֶער בְּרוּחָנִיּוּת אִיז נָאר וַוייל אִיךְ בִּין אַ מֶסֶךְ הַמַּבְדִּיל צְווִישְׁן אִים מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואס וִויל שְׁטֶענְדִיג נָאר מַשְׁפִּיעַ זַיין אַלֶעס גוּטְס, אוֹיבּ וֶועט עֶר אַזוֹי טְרַאכְטְן וֶועט עֶר אַוַודַאי נִישְׁט הָאבְּן קֵיין גַאֲוָה אוּן גְרוֹיסְקַייט, נָאר אַדְּרַבָּא, דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן זַיין גְרוֹיסְקַייט אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַן אֱמֶת'ע עֲנָוָה, זִיךְ אֱמֶתְדִיג הַאלְטְן קְלֵיין בַּיי זִיךְ, אוּן אוֹיךְ זַיין חָבֵר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס דַוְקָא דוּרְךְ אִים.

דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער נִמְשָׁל צוּם מָשָׁל.

(חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תמ"ז)

